**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/5/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויב איר האט דאס פארפאסט: גאווארנער האקול'ס אפ-עד אין די HOUSTON CHRONICLE: טעקסעס רידיסטריקטינג איז א 'לעגאלע אויפשטאנד.' דעמאקראטן זאלן באקעמפן 'פייער מיט פייער.'**

היינט, האט די Houston Chronicle ארויסגעשטעלט אן אפ-עד דורך גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) אויסלייגנדיג איר פארפליכטונג צו באשיצן ניו יארקער אינדערמיט די רידיסטריקטינג קאמפ וואס פאסירט אין די סטעיט פון טעקסעס. די גאווערנאר האט אויסגעשמועסט וויאזוי דעמאקראטן לענגאויס דעם לאנד מוזן זיך קעגנשטעלן צו די חוצפה'דיגע אטאקעס אונטערצוהאקן דעמאקראטיע און די אומרירבארע איינפירונג פון וואלן אין די פאראייניגטע שטאטן. טעקסט פון די אפ-עד קען געזעהן ווערן אנליין און איז דא צו באקומען דא אונטן:

ביז יעצט, זענען דעמאקראטן זיך באגאנגען מיט אונזער פאליטישע סיסטעם כאילו עס ווערט נאך קאנטראל'ד דורך אנגענומע פירונגען, ווערט באשיצט דורך גרעניצן און איז געווארצלט אין יושר'דיגקייט. פארשריפטן זענען געמאכט געווארן צו ווערן איינגעהאלטן. עס טוט ווי אזוי צו זאגן, אבער יענער תקופה איז געקומען צו אן ענדע. זייט די אויפשטייג פון Donald Trump (דאנאלד טראמפ), האבן רעפאבליקאנער אויסגערופן קריג קעגן די אמעריקאנער באפעלקערונג. זיי האבן דראסטיש געשניטן העלט קעיר, צוגענומען אסאך געלטער פון נוטרישען פראגראמען און אנגעפאקט די העכסטע געריכט (Supreme Court) אוועקצורייסן פרייהייטן וואס מיר האבן ביז יעצט געמיינט איז זעלבסטפארשטענדליך. און יעצט, פרובירן זיי אומבארעכטיגטערהייט צו טוישן די פארשריפטן פון דעמאקראטיע זעלבסט.

אויפ'ן פאראדענונג פון פרעזידענט Trump (טראמפ), טוען טעקסעס סטעיט האויז רעפאבליקאנער פראבירן איבערצומאכן זייערע קאנגרעסיאנאלע מאפעס איידער די ענדע פון די צעהן יאר, א ווילדע פארכאפונג פון מאכט וואס איז געאייגנט איבערצוטוישן אזוי פיל ווי פינעף יעצטיגע דעמאקראטישע זיצן. זיי האבן צושניטן פארשידענארטיגע קאמיוניטיס אין יוסטען, דאלעס, און לענגאויס דעם גרעניץ צו שטיל מאכן די ווילער וואס וואוינען דארט.

וואס טעקסעס טוט איז נישט קליין קליגע סטראטעגיע, עס איז א פאליטישע אונטערצינדונג — פארברענענדיג אונזער דעמאקראטיע זיך צו קענען האלטן ביי דער מאכט. די איינציגסטע וועג זיך צו העלפן איז צו באקעמפן פייער מיט פייער. דאס איז נישט בלויז א פראבלעם פאר טעקסעס. ווען רעפאבליקאנער טוען אומבארעכטיגטערהייט טוישן די קאנגרעסיאנאלע מאפעס אין איין סטעיט, טוט עס אפשוואכן פארטרעטונג אין יעדער סטעיט. יעדער אומ'יושר'דיגע זיץ וואס זיי שאפן מאכט אז קאנגרעס זאל זיין ווייניגער באלאנצירט. אויב מען איז זיי יעצט נישט מצליח אפצוהאלטן, וועט 2026 זיין די ערשטע פון פילע גע'גנב'עטע וואלן.

איך בין אפשר נאר די גאווערנאר פון ניו יארק, אבער איך וועל נישט שטיין גלייכגילטיג מיט די שוואכינטשקעס און זיך בלויז צוקוקן בשעת רעפאבליקאנער מאכן חרוב דעמאקראטיע. דאס איז נישט ווער מיר זענען. און דאס איז זיכער נישט די פירערשאפט וואס פעלט זיך אויס אין דעם מאמענט.

דאס איז די סיבה פארוואס איך בין די וואך געוועהן שטאלץ צו זיין די גאסטגעבער פאר טעקסעס האויז דעמאקראטן. די פובליק סערוועגטס האבן פארלאזט די סטעיט אויסצופאלגן א לעגיטימע און לעגאלע טאקטיק נישט צו געבן פאר רעפאבליקאנער די צאל געזעצגעבער וואס פעלט זיך אויס און אפצושטעלן דעם שווינדל אויפ'ן פלאץ. ווי John Lewis (דשאן לואיס) האט געזאגט, צומאל מוז מען זיך ארייגלייגן אין פיינע 'טראבעל.' דאס איז וואס זיי טוען — און זיי זענען נישט אליינס.

איידער אונזער זיצונג אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל, האב איך געליידנט די דעלעגאציע מיטגלידער צו די גאווערנאר'ס וואוינונג, א היים וואו עס האט אמאל געוואוינט די געוועזענער גאווערנאר Franklin Delano Roosevelt (פרענקלין דילענאו רוזעוועלט, FDR). איך האב געוואלט אז זיי זאלן ציען כוחות פון זייןביישפיל. ער האט געפירט דעם לאנד דורך געוויסע פון איר שווערסטע טעג. אזוי ווי FDR, ווייסן מיר פאר וועם מיר קעמפן און קעגן וועם מיר קעמפן.

וויבאלד די קאמפ איז נישט איבער מאפעס. עס איז איבער ווירדן. יושר'דיגקייט. פרייהייט. פארטרעטונג. ממש די יסוד פון אונזער רעפאבליק.

אין ניו יארק, האבן מיר געוויזן וואס איז מעגליך ווען מען ברייטערט אויס צוטריט צו די שטים בודקע אנשטאטס עס אונטערדריקן. איך האב [אונטערגעשריבן](#) די John R. Lewis (דשאן ר. לואיס) וועלן רעכטן אקט (John R. Lewis Voting Rights Act) אין 2022, די [שטערקסטע אזא סארט געזעץ אינעם לאנד](#). איך האב אויסגעברייטערט ווייגלער רעגיסטראציע און איינגעפירט פריע שטימען דורכ'ן פאסט. ווען דעמאקראטן פירן, ווערט דעמאקראטיע שטערקער.

אבער מיר קענען עס נישט טוהן אליינס. דערפאר בין איך אין נאנטע פארבינדונג מיט האויז דעמאקראטישע פירער Hakeem Jeffries (האקים דשעפעריס) און אנדערע צו ארבעטן צו זעהן וויאזוי אנדערע סטעיט'ס קענען קא-ארדענירן לעגאלע, לעגיסלאטיווע און קאנסטעטוציאנאלע סטראטעגיעס צוריקצוקעמפן. מיר טוען אויך איבערקוקן יעדער לעגאלע און לעגיסלאטיווע אפציע איבערצומאכן אונזערע אייגענע מאפעס אין ניו יארק. אויב רעפאבליקאנער טוען טוישן די פארשריפטן, וועלן מיר זיי נאכמאכן אויף די זעלבע וועג, מיט סטראטעגיע, מיט פעסטקייט, און אן קיין אנטשולדיגונג.
געוויסע וועלן האלטן אז עס איז צו אגרעסיוו. איך האלט אז עס פעלט זיך אויס.

וואס טעקסעס רעפאבליקאנער טוען אונטער די אנווייזונגען פון Trump (טראמפ) איז גארנישט ווייניגער פון א לעגאלע אויפשטאנד אויף אונזער קאפיטאל. אבער זיך באניצן מיט א לעגאלע סיסטעם מאכט עס נישט לעגאטים. עס איז א פארכאפונג פון דעמאקראטיע. און עס מוז ווערן אפגעשטעלט. איך האב נייעס פאר טעקסעס רעפאבליקאנער: דאס איז נישט די 'ווילד וועסט.' מיר וועלן נישט שטיין גלייכגילטיג אין די צייט וואס אונזער דעמאקראטיע ווערט געראובט אין א מאדערנע פערד-און-וואגן גניבה.

איך האלט שטארק אז כאטש וואס טעקסענס און ניו יארקער האבן גענוג און נאך חילוקים, זענען מיר אבער איינשטימיג אויף יסודות'דיגע יושר'דיגקייט. מען זאל נישט באשווינדלען אנדערע צו געווינען. און איר מוזט זיין גרייט זיך אנצונעמען פאר די דעמאקראטישע אינסטיטוציעס וואס מאכן די לאנד אזוי ספעציעל. אמעריקאנער זענען פארטיג מיט די אכזריות, כאאס און שוואכקייט וואס זיי האבן בייגעוואוינט זייט 2025 האט זיך אנגעפאנגען. זיי זענען גרייט ארויסצואוועהלן רעפאבליקאנער — און רעפאבליקאנער ווייסן דאס. דערפאר טוען זיי אומבארעכטיגטערהייט אויסשטעלן דעם שפיל פאר מען הייבט אן דעם קומענדיגע רונדע.

אבער מיר קענען נישט צולאזן אז זיי זאלן דאס דורכפירן אן קיין קאמפ. נישט אונטער מיין אויפזיכט.

אויב מען אנטזאגט זיך פון קעמפן פאר דעמאקראטיע, וועט מען עס זיכער פארלירן. איך בין נישט אריין אין פובליק סערוויס צו פארלירן. איך בין אריין צו קעמפן און געווינען פאר די טובה פון די מענטשן וועמען איך באדין. פאר יעדער טעקסען וואס שטעלט זיך אנטקעגן Trump (טראמפ) און Abbott'ס (עבאט) שווינדל, איר זענט אויף די ריכטיגע זייט פון היסטאריע. מיר זענען שטאלץ צו שטיין מיט אייך.

פאר די איבריגע טייל פון אמעריקע, האט נישט קיין מורא זיך אנצושליסן אין דעם קאמפ. אויב זיי מאכן איבער די פארשריפטן, דאן וועלן מיר אויך.

ווען איז קומט צו ליבשאפט און מלחמה, איז אלעס בארעכטיגט. לאמיר אנהייבן.

*Kathy Hochul (קעטי האקול) איז דער 57סטע און ערשטע פרוי גאווערנער פון ניו יארק סטעיט.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן